**אויף תיכף ארויסצוגעבן:** 5/9/2023 **גאווערנער קעטי האקול**

**גאווערנער האקול אנאנסירט אז סטעיט אגענטורן פאלגן נאך לעיק אָנטאַריאָו וואסער שטאפלען נאך שווערע רעגנס**

***לעיק אָנטאַריאָו'ס וואסער שטאפל איז יעצט העכער 247 פיס; פאראויס זאגונגען דייטן אן אז די שטאפל קען ווערן נאך העכער; נידעריגסטע פלעצער ארום די לעיק הויבן אן פארפלייצט ווערן ווען די וואסער קומט אן צו 248 פיס***

***דעפארטמענט פון ענווייראמענטאלע אפהיטונג און דיוויזיע פון היימלאנד זיכערהייט און עמערדזשענסי סערוויסעס זענען פאר צו נאכפאלגן פאראויס זאגונגען און לעיק שטאפלען***

***אגענטורן גרייט ארויסצושיקן מער פון 25,000 אנגעפילטע זאמד זעקלעך צו לאקאלע עמערדזשענסי מענעדזשערס צו פארקלענערן סכנות פון פאטענציאלע פארפלייצונגען אין קאמיוניטיס אויף די לעיק ברעגעס***

גאווערנער קעטי האקול האט היינט אנאנסירט אז ניו יארק סטעיט אגענטורן פאלגן נאך פון די נאענט די שטייגנדע וואסער שטאפלען לענגאויס לעיק אָנטאַריאָו און די סעינט לאורענס ריווער, אזוי ווי די לעיק וואסער שטאפלען זענען איבערגעשטיגן 247 פיס נאכפאלגנדיג לענגערע רעגנס אריבער די גאנצע גרעיט לעיקס אין די לעצטערע וואכן. כאטש די וואסער שטאפלען זענען נאכנישט אנגעקומען – און זענען נישט פאראויס געזאגט צו אנקומען – צו די וואסער פארפלייצנדע שטאפלען וואס זענען געזעהן געווארן אין 2017 און אין 2019, דאך קאארדינירן אגענטורן, אריינרעכענענדיג די דעפארטמענט פון ענווייראמענטאלע אפהיטונג (Department of Environmental Conservation, DEC) און די דיוויזיע פון היימלאנד זיכערהייט און עמערדזשענסי סערוויסעס (Division of Homeland Security and Emergency Services, DHSES) מיט באמיאונגען און זיי גרייטן צו מיטלען צו ארויסהעלפן קאמיוניטיס אויף די לעיק ברעגעס וועלכע קענען פאטענציאל באטראפן ווערן דורך פארפלייצונג. אגענטורן וועלן צושטעלן זאמד זעקלעך, פאמפס און אנדערע פארפלייצונג מיטלען פאר לאקאלע רעגירונגען, ווי נויטיג, אין לויף פון די קומענדיגע וואכן.

"איינוואוינער וועלכע וואוינען און ארבעטן נעבן די ברעגעס לענגאויס לעיק אָנטאַריאָו און די סעינט לאורענס ריווער האבן זיך אנגעטראפן מיט באדייטנדע שוועריגקייטן אין לעצטערע יארן, אבער דורכן אונטערנעמען מאסנאמען פון פאראויס און קאארדינירן מיט אונזערע שותפים אין לאקאלע רעגירונגען לענגאויס די לעיק, מאכן מיר זיכער אז אונזערע קאמיוניטיס וועלכע זענען באטראפן געווארן פון פאריגע פארפלייצונגען האבן די מיטלען און אינפארמאציע וואס זיי דארפן צו קענען פארקלענערן די שאדנס פון פאטענציאלע פארפלייצונגען דעם יאר," **האט גאווערנער האקול געזאגט.** "מיר וועלן פארזעצן צו ארבעטן צוזאמען מיט אונזערע לאקאלע און פעדעראלע שותפים צו נאכפאלגן די לעיק אָנטאַריאָו וואסער שטאפלען, און מיר זענען גרייט צו ארויסשיקן מיטלען צו באשיצן איינוואוינער און ביזנעסער פון פארפלייצונגען אויף די לעיק ברעגעס."

צוליב לעצטיגע שווערע רעגנס אין די גרעיט לעיקס איז די שטאפל פון די וואסער אין לעיק אָנטאַריאָ יעצט העכער 247 פיס, און די פאראויס זאגונגען דייטן אן אז די שטאפלען קענען נאך פארזעצן אזוי ווי די אינטערנאציאנאלע דזשוינט קאמיסיע (International Joint Commission, IJC) היט אויף די וואסער פלוס אין די לעיקס צו אדרעסירן פארפלייצונגען אריבער די גאנצע ראיאן. אין לעצטיגע יארן האבן די נידעריגסטע פלעצער ארום די לעיק אנגעהויבן פארפלייצט ווערן ביי אומגעפער 248 פיס. די מאקסימום שטאפל פון די לעיק אין די היסטאריע איז געווען 249 פיס.

די דיוויזיע פון היימלאנד זיכערהייט און עמערדזשענסי סערוויסעס ארבעט פון די נאענט מיט די דעפּארטמענט פון ענווייראמענטאלע אפהיטונג און אנדערע סטעיט אגענטור שותפים צו קאארדינירן די פארפלייצונג שוץ מיטלען, אריינרעכענענדיג פּאמפּס און זאמד זעקלעך — אין פאל וואס לאקאלע עמערדזשענסי מענעדזשמענט בעאמטע פארלאנגען הילף. דעם פארגאנגענעם וואך האבן פעלד איינגעשטעלטע פון די אפיס פון עמערדזשענסי מענעדזשמענט ( Office of Emergency Management, OEM) זיך באטייליגט אין א קאנפערענץ קאל מיט לאקאלע שותפים פון קאַיוגע, מאנראו, ניאגארא, ארליענס, אָסוועגא און וועין קאונטיס איבער די לעיק שטאפלען און צו איבערשמועסן די סטעיט מיטלען וועלכע שטייען גרייט ארויסצוהעלפן אין פאל וואס פארפלייצונגען ווערן א פראבלעם. ניו יארק סטעיט ארבעט אויך צוזאמען מיט די פאראייניגטע שטאטן ארמיי אינדזשענירן איינהייט אויף פעדעראל-געשטיצטע גרייטקייט באמיאונגען בעפאר סיי וועלכע פאטענציאלע פראבלעמען פון הויכע וואסער שטאפלען.

**ניו יארק סטעיט דיוויזיע פון היימלאנד זיכערהייט און עמערדזשענסי סערוויסעס קאמישאנער, דזשעקי ברעי, האט געזאגט,** "עטליכע לעצטיגע תקופות פון שווערע רעגן האבן געפירט צו וואסער שטאפלען העכער פון די דורכשניט אין לעיק אָנטאַריאָ. כאטש עס זענען נישט ערהאלטן געווארן קיינע אקטיווע באריכטן פון פארפלייצונג, און די סטעיט'ס REDI פראיעקטן האבן געמאכט די ברעגעס באדייטנד מער שטאנדהאפטיג צו קענען ביישטיין הויכע וואסער, דאך זעצן מיר פאר צו נאכפאלגן די וואסער שטאפלען, און מיר זענען גרייט צו ארויסהעלפן קאמיוניטיס אויף די ברעגעס מיט מיטלען, אויב נויטיג."

**ניו יארק סטעיט דעפּארטמענט פון ענווייראמענטאלע אפהיטונג קאמישאנער און לעיק אָנטאַריאָ באפעסטיגונג און א פארזיצער פון די עקאנאמישע אנטוויקלונג איניציאטיוו ( Resiliency and Economic Development Initiative, REDI), בעזיל סעגאָוס, האט געזאגט,** "גרייטקייט פון פאראויס איז די וויכטיגסטע זאך ווען עס קומט צו די כסדר-טוישנדע וואסער שטאפלען אין די לעיק אָנטאַריאָ און די סעינט לאורענס ריווער. די DEC ארבעט דירעקט מיט גאווערנער האקול, די DHSES, די IJC און אנדערע סטעיט און לאקאלע שותפים צו העלפן זיכער מאכן אז מיר האבן די אינפארמאציע און מאטעריאלן וועלכע זענען נויטיג זיך אפצורופן צו סיי וועלכע פארפלייצונגען וועלכע קענען פארקומען. דורך די אנגייענדע הצלחה ביים דורפירן דעם REDI פראגראם אין די ראיאן טוט ניו יארק סטעיט העלפן און שטיצן קאמיוניטיס לענגאויס לעיק אָנטאַריאָ און די סעינט לאורענס ריווער וועלכע זענען אויסגעשטעלט צו פארפלייצונגען."

די פאלגנדע מיטלען שטייען גרייט ארויסצוגעשיקט ווערן פון די סטעיט'ס ראיאנישע זאפאסן צו העלפן קאמיוניטיס אויף די ברעגעס:

- 957 וואסער פּאמפּס
- 1,474 דזשענערעיטארס
- 20 זאמד זעקלעך מאשינען
- 1,589,805 זאמד זעקלעך

- 403 טראַפיק באַריקאַדעס
- 580 טראַפיק פעסער
- איבער 35,224 פיס פון Aqua Dam דאַמבעס

רעקאָרד-ברעכנדע פאַרפלייצונגען אין 2017 און אין 2019 האָבן פאַראורזאַכט גרויסע שאָדנס צו היימער, ביזנעסער און אינפראַסטרוקטור לענגאויס לעיק אָנטאַריאָ און די סעינט לאָורענס ריווער ברעגעס, און ניו יארק סטעיט האָט געאַרבעט פון די נאָענט מיט קאַמיוניטיס צו העלפן אַדרעסירן די באַלדיגע באַדערפענישן מיט זאַמד זעקלעך, דזשענערעיטאָרס און אַן אַלגעמיינע פּערמיט וואָס איז נאָכאַלץ אין קראַפט צו העלפן פאַרשנעלערן אַקטיוויטעטן פאַר סטאַביליזאַציע און סטרוקטורישע פאַררעכטונגען אויף די ברעגעס. אין 2019 איז די סטעיט'ס רעאַקציע געווען באַדייטנד שטערקער מיט דעם וואָס די לעיק אַנטאַריאָ באַפעסטיגונג און עקאָנאָמישע אַנטוויקלונג איניציאַטיוו איז אויפגעשטעלט געוואָרן, צושטעלנדיג ביז אַזויפיל ווי 300 מיליאָן דאָלאַר צו בענעפיטירן קאַמיוניטיס, פאַרבעסערן די לאַנג-טערמיניגע שטאַנדהאַפטיגקייט און פאַרשטערקערן לאָקאַלע עקאָנאָמיעס אין די ראַיאָן.

**איבער די לעיק אָנטאַריאָ באַפעסטיגונג און עקאָנאָמישע אַנטוויקלונג איניציאַטיוו**

אין אַנטוואָרט צו די פאַרלענגערטע סעריע פון פאַרפלייצונגען לענגאויס די ברעגעס פון לעיק אָנטאַריאָ און די סעינט לאָורענס ריווער אין 2019, האָט ניו יארק סטעיט אוועקגעשטעלט REDI צו פאַרמערן די שטאַנדהאַפטיגקייט פון די קאַמיוניטיס אויפן ברעג און צו פאַרשטערקערן עקאָנאָמישע אַנטוויקלונג אין די ראַיאָן. פינף REDI ראַיאָנישע פּלאַנירונג קאָמיטעס – וועלכע באַשטייען פון פאַרשטייער פון אַכט קאַונטיס פון ניאַגאַרא, אָרליענס, מאָנראָו, וועין, קאַיוּגע, אָסוועגאָ, דזשעפערסאָן און סעינט לאָורענס קאַונטיס – זענען אוועקגעשטעלט געוואָרן צו אידענטיפיצירן לאָקאַלע פּריאָריטעטן, וואַקלדיגע אינפראַסטרוקטור און אַנדערע מיטלען און פּובליק זיכערהייט זאָרגן.

די REDI קאָמיסיע און די REDI מאַנשאַפט האָט געאַרבעט צוזאַמען מיט קאַמיוניטיס וועלכע זענען באַטראָפן געוואָרן דורך די 2019 פאַרפלייצונגען צו פאַראויס רוקן די 134 פאַרפלייצונג שטאַנדהאַפטיגקייט פּראָיעקטן. די פּראָיעקטן זענען אויסגעשטעלט נישט נאָר צו צוריק אויפבויען געשעדיגטע אָדער וואַקלדיגע אינפראַסטרוקטור, נאָר אויך עס צוריק אויפצובויען אינזין האָבנדיג קלימאַט שטאַנדהאַפטיגקייט. אַזוי ווי קלימאַט-געטריבענע עקסטרעמע וועטער וואַקסט, זעצט ניו יארק סטעיט פאָר מיט איר פאַרפליכטונג צו זיכער מאַכן אַז קאַמיוניטיס וועלכע זענען באַקאַנט צו זיין אין די גרעסטע סכנה וועלן זיין גרייט. די פּראָיעקטן וועלכע זענען אויסדערוועהלט געוואָרן דורך דעם REDI פּראָגראַם וועלן העלפן פאַרזיכערן די געזונטהייט און זיכערהייט פון איינוואוינער און באַזיכער בשעת'ן האַלטן די געגנטער אָפן און צוגענגליך אין צייטן פון הויכע וואַסערן און עקסטרעמע וועטערס. די פּראָיעקטן רעכענען אַריין מאָדערניזירונגען צו שטורעם וואַסער סוּערס, העכערן און פאַרשטערקערן פאַרפלייצונג-געשעדיגטע שאָסייען און אויסרייניגן די אונטערשטע באָדן אונטער וויכטיגע וואַסערן וועלכע זענען אַ זיכערע האַפן און וועלכע ערמעגליכן צוטריט צו לאָקאַלע ביזנעסער פאַר פאַרווײַלונג שיפלער, צווישן אַנדערע.

די אויסדערוועהלטע פּראָיעקטן פאַרשטערקערן נישט נאָר די פּובליק זיכערהייט, נאָר זיי שטיצן אויך די ראַיאָן'ס קריטיש-וויכטיגע טוריזם עקאָנאָמיע.זינט די סטעיט'ס REDI פּראָגראַם איז אוועקגעשטעלט געוואָרן אין 2019 זענען שוין 134 REDI-געשטיצטע לאָקאַלע און ראַיאָנישע פּראָיעקטן אונטערוועגנס, אַריינרעכענענדיג 33 פּראָיעקטן וועלכע זענען אין די פּלאַנירונג שטאַפּל, 46 פּראָיעקטן אין די קאָנסטרוקציע שטאַפּלען און 55 פאַרענדיגטע פּראָיעקטן. דורך דעם REDI וואַסער אויסרייניגונג פּראָגראַם (Dredging Program) זענען 20 קאַנאַלן איבער אַכט קאַונטיס אויסגערייניגט געוואָרן פאַר שיפן צו קענען אַריבערפאָרן. פאַר מער אינפאָרמאַציע איבער די פּראָיעקטן, באַזוכט [דאָ](#).

###

נאך נייעס קען מען באקומען ביי www.governor.ny.gov
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו קאמער | press.office@exec.ny.gov | 518.474.8418

זיך ארויסשרייבן